בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל**
מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס ב' - פרשת וישלח וישב תשע"ח

# תוכן השיעור

'פי שנים' ברוחך...
אזא טיש ווי ביי מיר...
הדפסת הליקוטי הלכות
גדולים צדיקים במיתתן...
איך בין נישט קיין סוחר פון סמאלע...
הילולת הצדיק
'גלייך' צום רבי'ן...
גאר מיין זאך איז ראש השנה...
להתחדש בקיום העצות
אייער עובדא זאל זיין איר זאלט דרוקן די ספרים...

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלים בחפץ לב, נא להתקשר אל;**
יוסף מענדל האס
מאנסי, נוא יארק
**(+1) 845-200-0443**

ניתן לקבל את הקונטרס דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלוי' בו**

על הטוב יזכר ידידינו
מוה"ר **יוסף שלמה פרענקל** הי"ו
על שנדב לבו אותו להשתתף בהוצאת הקונטרס
**לרגל שמחת פדיון בנו בכורו למזל טוב**
ויזכה לגדלו ולחנכו לתורה לחופה ולמעשים טובים עם נחת דקדושה

בס"ד

# שיחה ביומא דהילולא של גאון עוזינו מוהרנ"ת זי"ע

## - ליל עשרה בטבת תש"מ -

(טייפ מספר 490#)

## 'פי שנים' ברוחך...

דער רבי רעדט אין תורה ס"ו[א] [אויפ'ן פסוק]; "ויהי נא פי שנים ברוחך אלי" (מלכים-ב', ב ט') - אז אליהו הנביא האט געזאגט צו אלישע; "שאל, מה אעשה לך" - וואס זאל איך דיר געבן?! "שאל, מה אעשה לך". [האט אלישע געבעטן]; "ויהי נא פי שנים ברוחך אלי"! האט ער אים געזאגט (שם י'); "הקשית לשאול" - זייער א שווערע זאך האסטו געבעטן, "אם תראה אותי לוקח מאתך יהי לך כן" - אז די וועסט זעהן די הסתלקות פון אליהו הנביא, דעמאלטס וועסטו האבן די דאזיגע זאך! און אזוי איז טאקע מקויים געווארן, אלישע האט געהאט פי שנים פון אליהו הנביא!

זאגט דער רבי, ווי קען דאס זיין אין דער וועלט? - בכלל איז דא קשה; א תלמיד זאל בעטן ביי א רבי'ן ער זאל אים געבן - אז ער זאל האבן צוויי מאל דעם כח וויפיל דער רבי האט? אז דער רבי האט עס נישט - ווי קען ער אים בעטן אזא זאך? און פון וואו האט ער טאקע געהאט צוויי מאל דערפון?!

ברענגט דער רבי א זוהר הק', א תוספתא פון זוהר (פרשת נח דף נ"ט); "אלה תולדות נח נח - נח נח תרי זמני"! עס שטייט צוויי מאל נח, זאגט דער רבי אזוי געפונט זיך בכל צדיקים - "נח לעילא ונח לתתא"! אזוי איז בכל צדיקים, אז זיי האבן א 'רוח לעילא' און א 'רוח לתתא'! יעדער צדיק וואס ער איז דא אויף דעם עולם, האט ער זיין חלק אלקי וואס ער האט דא אויסגעהארעוועט אין דעם עולם, ס'איז אבער דא א 'רוח דלעילא' - אויבן איז ער פיל העכער, זיין 'רוח דלעילא' וואס ער האט אויבן - איז פיל העכער פון זיין 'רוח דלתתא', דער רוח דלעילא - זאגט דער רבי - קען נישט סובל זיין די וועלט! אזא מין סארט הויכע קדושה איז דאס. און כל זמן דער צדיק איז בחיים חיותו, איז נאר דא די

---

[א] וז"ל שם (השייך לענינינו); "וִיהִי נָא פִּי שְׁנַיִם בְּרוּחֲךָ אֵלָי, וַיֹּאמֶר וְכוּ' אִם תִּרְאֶה אֹתִי לֻקָּח מֵאִתָּךְ יְהִי לְךָ כֵן" וְכוּ' (מְלָכִים ב ב') [...] דַּע, שֶׁאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה הַתַּלְמִיד גָּדוֹל מֵהָרַב, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ פִּי שְׁנַיִם כְּרַבּוֹ, וְאַף עַל פִּי כֵן הַכֹּל יִהְיֶה בְּכֹחוֹ שֶׁל רַבּוֹ. וְזֶה בְּחִינַת: "וִיהִי נָא פִּי שְׁנַיִם בְּרוּחֲךָ אֵלָי", 'בְּרוּחֲךָ' דַּיְקָא, שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת הָרוּחַ עַצְמוֹ שֶׁל אֵלִיָּהוּ רַבּוֹ, יִהְיֶה לוֹ פִּי שְׁנַיִם כְּמוֹתוֹ. כִּי אִיתָא, שֶׁיֵּשׁ לְהַצַּדִּיק בְּחִינַת שְׁנֵי רוּחוֹת, רוּחַ לְעֵלָּא, רוּחַ לְתַתָּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית ו) "אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ נֹחַ", 'נֹחַ לְעֵלָּא נֹחַ לְתַתָּא' (כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שָׁם בְּזֹהַר נֹחַ דַּף נ"ט: עַל פָּסוּק זֶה. עַיֵּן שָׁם בְּתוֹסֶפְתָּא וְזֶה לְשׁוֹנוֹ: 'לָמָּה נֹחַ תְּרֵי זִמְנָא, אֶלָּא כָּל צַדִּיק וְצַדִּיק דִּי בְּעָלְמָא, אִית לֵהּ תְּרֵין רוּחִין, רוּחָא חַד בְּעָלְמָא דֵּין, וְרוּחָא חַד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי. וְהָכֵי תִּשְׁכַּח בְּכֻלְּהוּ צַדִּיקֵי וְכוּ' עַיֵּן שָׁם). דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת חִיּוּת לְמַעְלָה, וְחִיּוּת לְמַטָּה. [...] וּבִשְׁעַת הִסְתַּלְּקוּת הַצַּדִּיק, אֲזַי יוֹרֵד וּבָא לְמַטָּה בְּחִינַת הָרוּחַ וְהַחִיּוּת דִּלְעֵלָּא, וַאֲזַי נִתְחַבְּקִין וְנִתְאַחֲדִים יַחַד, הָרוּחַ דִּלְתַתָּא עִם הָרוּחַ דִּלְעֵלָּא, כִּי בֶּאֱמֶת שְׁנֵיהֶם אֶחָד, וְתֵכֶף כְּשֶׁנִּתְגַּלִּין זֶה לָזֶה, נִתְאַחֲדִין מְאֹד בְּאַחְדוּת גָּדוֹל. וּמֵחֲמַת שֶׁהָרוּחַ דִּלְעֵלָּא אֵינוֹ יָכוֹל לִהְיוֹת בָּזֶה הָעוֹלָם, כִּי טִבְעוֹ אֵינוֹ יָכוֹל לִסְבֹּל כְּלָל זֶה הָעוֹלָם, עַל כֵּן נִסְתַּלֵּק לְעֵלָּא, וְעַל יְדֵי זֶה נִסְתַּלֵּק הַצַּדִּיק, כִּי כְּשֶׁנִּסְתַּלֵּק לְמַעְלָה הָרוּחַ הַנַּ"ל, נִסְתַּלֵּק עִמּוֹ הָרוּחַ דִּלְתַתָּא, מֵחֲמַת שֶׁנִּתְאַחֲדוּ מְאֹד בְּאַחְדוּת גָּדוֹל כַּנַּ"ל. [...] אֲבָל הַתַּלְמִידִים שֶׁעֲדַיִן לֹא הִגִּיעַ זְמַנָּן, אֲזַי אַדְּרַבָּה נִשְׁאָר אֶצְלָם הָרוּחַ דִּלְעֵלָּא, לְגֹדֶל הָאַחְדוּת שֶׁנִּתְאַחֵד מְאֹד עִם הָרוּחַ דִּלְתַתָּא, כִּי אִי אֶפְשָׁר לָהֶם לְהִתְפָּרֵד עוֹד זֶה מִזֶּה. נִמְצָא שֶׁהַצַּדִּיק נִסְתַּלֵּק עַל יְדֵי זֶה, עַל יְדֵי שֶׁמּוֹשֵׁךְ עִמּוֹ הָרוּחַ דִּלְתַתָּא, וְהַתַּלְמִידִים מַגִּיעַ לָהֶם פִּי שְׁנַיִם עַל יְדֵי זֶה, כִּי נִשְׁאַר אֶצְלָם בְּחִינוֹת הָרוּחַ דִּלְעֵלָּא, כִּי נִתְאַחֵד מְאֹד עִם הָרוּחַ דִּלְתַתָּא כַּנַּ"ל. [...] וּכְשֶׁמְּקַבֵּל פִּי שְׁנַיִם, אֲזַי אֶפְשָׁר שֶׁיִּתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה, וְיַעֲשֶׂה עֲבֹדוֹת וּצְדָקוֹת יוֹתֵר מֵרַבּוֹ, וְהַכֹּל עַל יְדֵי בְּחִינוֹת רוּחַ שֶׁל רַבּוֹ, בִּבְחִינַת "וִיהִי נָא פִּי שְׁנַיִם בְּרוּחֲךָ אֵלָי", 'בְּרוּחֲךָ' דַּיְקָא כַּנַּ"ל.

'רוח דלתתא', די 'רוח דלעילא' איז נישט דא, אבער אז עס קומט אָן זיין הסתלקות גייט אראפ די רוח דלעילא און עס איז זיך מתאחד מיט די רוח דלתתא, דאס איז א 'בחינת נשיקין'. און [וויבאלד] די רוח דלעילא קען דאך נישט סובל זיין די וועלט, נעמט ער מיט דעם צדיק, ווערט דער צדיק נסתלק! אבער דערווייל בלייבט דאך אבער דא א רוח דלעילא, בשעת דער צדיק ווערט נסתלק - א העכערע כח.

כל זמן דער צדיק האט געלעבט איז נאר געווען די 'רוח דלתתא', אבער איצטער ווערט דערוועקט דער 'רוח דלעילא', א העכערע כח, א העכערע סארט קדושה, א העכערע סארט אלקות, און דער תלמיד וואס ער איז דא בשעת הסתלקותו - נעמט ער דעם כח פון די 'רוח דלעילא'!

עס איז נישט פשט אז ער איז גרעסער פון דער צדיק, נאר דער צדיק אליין - אליהו הנביא - בשעת ער איז דא געווען אויף די וועלט, איז ער געווען נאר מיט זיין 'רוח דלתתא', די רוח דלעילא איז נישט דא געווען - עס קען דאך נישט זיין אין דער וועלט! אבער בשעת הסתלקותו איז דאך אראפ די רוח דלעילא, איז געווארן א העכערע סארט כח, האט אלישע גענומען די כח פון דעם רוח דלעילא - האט ער טאקע געקענט טוהן גרעסערס! דערפאר שטייט טאקע 'ברוחך אלי', וואס איז 'ברוחך'? 'זיין רוח דלעילא'! (עד כאן מתורה ס"ז).

*

## אזא טיש ווי ביי מיר...

עס ליגט א געוואלדיגע התחזקות אין דער זאך; דער 'כח הצדיק' - אז ער ווערט נסתלק - זאל בלייבן פון אים א גרעסערן כח לאחר הסתלקותו! דאס האט מען געזעהן ביי רבי נתן'ען אויך, ר' נתן האט געזאגט; "א טיש וואס איז ביי מיר - איז ביים רבי'ן נישט געווען"! אזוי האט רבי נתן געזאגט. האט אים די טאכטער (- אדל ע"ה בת רביז"ל) איבער געפרעגט. האט ער געזאגט; "יא, אזוי האב איך געזאגט, נאר וואס דען - מיט'ן כח פונעם רבי'ן"! זעהען מיר ארוים, אז ביי ר' נתן'ען האט זיך ארויסגעוויזן די זאך פונעם רבי'ן - פיל מערער ווי עס איז געווען ביים רבי'ן אליין!

אזוי איז געווען ביי אסאך צדיקים, אפילו ביי דעם בעל שם הקדוש - האט דער גרויסער מגיד געזאגט; "א טיש וואס איז ביי מיר, איז ביים 'בעל שם' נישט געווען"!

דאס איז א געוואלדיגע התחזקות, אז דער צדיק גייט אוועק - זאל מען וויסן אז עס ווערט דערוועקט א גרעסערע כח פונעם צדיק - נאכמער ווי ס'איז געווען בחיים חיותו! מ'זעהט טאקע, בשעת דעם רבי'נס צייטן איז די ספרים נישט אזויפיל געדרוקט געווארן, נאר נאכן רבי'נס הסתלקות האט זיך אנגעהויבן די גרויסע עבודות, ס'איז מקורב געווארן אזעלעכע מענטשן - אזוי ווי דער רבי האט געזאגט; "נישט דאס האב איך געמיינט, איך האב געמיינט אז איר זאלט ארום גיין, אזוי ווי די חיות גייען ארום, און ברומען אין וואלד צום אויבערשטן גאנצע נעכט, גאנצע טעג"! (עי' שיש"ק ב' ק"כ)

-- און ר' נתן האט יא געהאט די מענטשן! דער רבי האט די מענטשן נישט געהאט, דער רבי האט געזאגט; "איך האב געוואלט"! און ביי ר' נתן איז יא געווען די מענטשן - וואס זענען ארום געגאנגען גאנצע נעכט און גאנצע טעג אזוי ווי חיות, אזוי געברומט צום אויבערשטן - אזעלכע מענטשן האט ר' נתן געהאט! אבער אלץ בכח פון דעם רבי'ן איז דאס געווען! (דיבור זה הוא מר' אברהם בר"ן בשם מוהרנ"ת ז"ל).

*

# הדפסת הליקוטי הלכות

אין שנת תרי"ד - דאס איז שוין געווען ניין יאהר נאך רבי נתנ'ס הסתלקות, דער בוידעם איז געווען פול מיט כתבים פון ר' נתן'ען, און ס'איז שוין קאליע געווארן, מ'האט זיי נישט געקענט דרוקן - - וויפיל איז געווען אפגעדרוקט? ס'איז סך הכל געדרוקט געווארן נאר די לקוטי הלכות אויף אורח חיים! האט דער אויבערשטער צוגעפירט אזוי, אז אין טראהוויצע - א שטעטל נעבן טראהוויצע - איז דערוועקט געווארן עפעס א קול פון רבי'נס מענטשן, נייע מקורבים, דאס איז געווען תרי"ד.

האט ר' נפתלי (תלמיד רביז"ל) געזאגט צו ר' נחמן טולטשינער; "עפעס דארט האט זיך אנגעהויבן 'דוויגן' דעם רבי'ן זאך ['דוויגן' הייסט; הייבן זיך], נחמן, פאָר אדורך דארט"! איז ר' נחמן טולטשינער צוגעפארן דארטן, דארט איז געווען עטליכע מענטשן; ר' סענדר, און ר' יקותיאל - ר' יצחק בער'ס ברודער, ר' שמואל פיקסל, עטליכע מענטשן איז געווען דארטן. ר' נחמן איז געקומען אהינצו, און ער האט געפעגט זיין הייליג מויל, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן!

האבן זיי באשטעלט א פירל [א פערד און וואגן] אויף א גאנצע וואך, דאס איז געווען אין א זונטאג - אז די אנדערע וואך זונטאג זאל ער צוריק פארן קיין אומאן. איז ער געווען א גאנצע וואך, און מען האט זיך געזעגענט, האט מען זיך אזוי געזעגנט - אז ר' נחמן איז געבליבן דארט אויף נאך א וואך! אזוי האט מען זיך געזעגנט!

די צווייטע וואך האט מען ווידער באשטעלט א פירל אוועק צו פארן, האט מען זיך ווידער אזוי געזעגנט - - איז ער געבליבן אויף נאך א וואך! אזוי 'דריי וואכן' איז ער געבליבן דארט! מ'האט זיך 'דריי מאל' געזעגענט, און מען האט זיך נישט געקענט אפרייסן!

פרעגן זיי אים; "ר' נחמן, פון וואנעט נעמט איר די אלע דיבורים? ס'איז ביי אייך א קוואל, ס'קוועלט דאך"! האט ער זיי געזאגט; "אז רבי נתן איז נפטר געווארן, און דער בוידעם איז פול מיט זיינע כתבים, און עס איז נישטא פונוואנעט דאס צו דרוקען! וואס וועט זיין"?!

האט זיך אנגערופן ר' סענדר [עס איז שוין צוריק א מעשה פון תרי"ד, הונדערט מיט דרייסיג יאהר, א גוואלד]; "מיר גיבן אייך שוין 'הונדערט רובל', און ווען איר וועט אנהויבן דרוקען וועלן מיר אייך געבן די אנדערע, און ווען איר וועט ענדיגן וועלן מיר אייך געבן די דריטע"! אזוי האט ער אים געגעבן 'דריי הונדערט רובל' - אין יענע יארן!

ר' נחמן איז אוועק געפארן קיין טשעהרין, און ער האט געמאכט א געוואלד; "נייע מענטשן וואס זיי האבן דארטן נאר פרנסה, נישט קיין גבירים, געבן אויפ'ן רבינ'ס זאך דריי הונדערט רובל"! איז שוין געווארן א קול, און ביז [שנת] תרי"ח האט ער אפגעדרוקט אלע לקוטי הלכות'ער - ר' נחמן טולטשינער, דאס איז אלס דערוועקט געווארן אלס מיט'ן כח פון ר' נחמן טולטשינער!

האט מען דאס אויך געזעהן, אז דער ענין פון 'ויהי נא פי שנים ברוחך אלי' - אז מען האט געזעהן פון רבי'ן ביי ר' נתן'ען, און פון ר' נתן ביי ר' נחמן'ען - אזוי האט מען דאס אלץ געזעהן!

*

# גדולים צדיקים במיתתן...

דער אויבערשטער האט אויף אונז רחמנות, אז א צדיק וואס ווערט נסתלק - - דאס איז א געוואלדיגע התחזקות, אודאי האבן מיר אנגעווארן אזא מין אור, דער 'רבי' איז אוודאי געוועזן - דער 'בית ראשון' איז אוודאי געוועזן זייער גרויס, זייער הייליג, וואס אין פנימיות איז טאקע דער השגות אלקות העכער, העכער ווי ווייטער, אבער די כוחות וואס ווערט צושפרייט, סיי אין דרוקען די ספרים, און סיי מיט'ן מקרב זיין נייע מענטשן, און אז יעדער איינער זאל ווערן אביסל נתחזק - - איז דייקא לאחר הסתלקותו מערער!

און אזוי איז געוועזן טאקע נאכן הסתלקות פון ר' נתן'ען, ר' נתן איז נסתלק געווארן [שנת] תר"ה, האט מען סך הכל געדרוקט נאר איין באנד לקוטי הלכות, איין חלק פון אורח חיים, מער נישט, אפילו נישט די גאנצע אורח חיים - ר' נחמן האט עס געדרוקט. - - ער איז אוועק געפארן פון ר' נתן'ען, ס'איז געוועזן ווינטער, ער האט נישט געהאט אפילו קיין שיך אויף די פיס, ער האט זיך פארבינדען מיט שמאטעס די פיס, און געבראכט א לקוטי הלכות, אפגעדרוקט א האלבן אורח חיים - א דריטל אורח חיים (עי' שיש"ק ה' קנ"ו). און נאכ'ן הסתלקות פון ר' נתן איז געדרוקט געווארן אלע לקוטי הלכות, מיט א שיינקייט, מיט א פיינקייט! זעהן מיר ארויס דעם כח פונעם רבי'ן, אז דעם רבי'נס זאך איז א זאך וואס ווערט נישט פארלאשן זיך! - -

אוודאי דער רבי פעלט אונז, די אור פונעם רבי'ן, די לעבעדיגקייט פעלט אונז אוודאי, די בית המקדש פעלט דאך אוודאי, פונדעסטוועגן זעהן מיר דאך פארט אז דער רבי'נס ספרים דרוקען זיך איצטער - - איך געדענק דארטן אין אומאן, ביי צוויי מענטשן איז געוועזן אלע לקוטי הלכות'ער, נישט מערער, מ'האט געדארפט איינלייגן א משכון און בארגן א לקוטי הלכות! היינט - ברוך השם - איז אין יעדע שטוב דא עטליכע לקוטי הלכות'ער, ס'איז דא לקוטי מוהר"ן, גרויסע, קליינע, מיטעלע, מען קען האלטן עס אין קעשענע, און אזוי גרויס ווי א גמרא - - זעהען מיר אז דער רבי'ס זאך ווערט אלעמאל גרעסער און גרעסער!

ס'ווערט טאקע מער מקורבים אויך, ס'איז דא מער מקורבים, - דאס איז אלץ די בחינה פון 'ויהי נא פי שנים ברוחך אלי', אז דער תלמיד נעמט ביי דעם רבי'ן א כח פון 'פי שנים'! אזוי איז געוועזן פונעם רבי'ן ביי ר' נתן'ען, און אזוי איז איצטער אויך אזוי! ממילא מעג מען טאקע זיין זייער שטארק מיטן

רבי'נס זאך; אז יעדע כח פונעם רבי'ן, יעדע עצה פונעם רבי'ן, וואס ס'איז געווען דעמאלטס - דארף איצטער אויך זיין! מ'דארף עס נאכאמאל איבער'חזר'ן, דאס איז דאך אינגאנצן דער רצון פונעם צדיק - אז מ'זאל גיין מיט זיינע ספרים, לערנען זיינע ספרים, און מקיים זיין די עצות - דאס איז די עיקר זיין זאך! ער וויל דאך נישט קיין שום זאך - (נאר די אמת'ע תכלית).

*

## איך בין נישט קיין סוחר פון סמאלע...

אזוי איז אויך געווען בחייו פון רבי'ן, בשעת דאס ערשטע מאל (- נאך וואס דער רבי איז געקומען וואוינען קיין ברסלב), איז געקומען דארט די טעפער'ס, די וואס האנדלען מיט טעפ, זענען זיי געקומען צום רבי'ן - - אזוי איז געווען איינגעפירט אין רוסלאנד, א סוחר איז געקומען אויף א יריד, איז ער נאכ'ן יריד אריינגעגאנגען צו א רבי'ן, ער האט עפעס געגעבן פאר א פדיון און אוועקגעפארן. די טעפער'ס זענען געווען פון נעמירוב, זענען זיי אריין געגאנגען צום רבי'ן, דארטן אין ברסלב אויפ'ן יריד. ווען זיי זענען געקומען צוריק קיין נעמירוב, האבן זיי געזאגט; "ס'איז עפעס א נייע רבי געקומען! ער רעדט נאר פון אידישקייט! ער וויל גארנישט רעדן קיין שום זאך - נאר פונעם תכלית, נאר פון אידישקייט! קיין שום זאך וויל ער נישט רעדן"!

מיר וייסן - - ביים רבי'ן האט מען קיין שום בקשה נישט געבעטן, ביים רבי'ן איז נאר געווען פונעם תכלית און פון עלמא דאתי, דאס איז געווען ביים רבי'ן!

עס איז א דבר ידוע, איינער איז אמאל געקומען צום רבי'ן - ער איז נישט געווען פון רבי'נס מענטשן - מיט א בקשה אויף פרנסה אדער א אנדערע זאך, איז ער געקומען צום רבי'ן בעטן א בקשה. האט דער רבי געזאגט; אז ס'איז געווען א גרויסער סוחר פון סחורה, איז געקומען איינער און געקויפט ביי איהם אסאך סחורה, אנגעפאקט א וואגן מיט סחורה. דער וואגן האט אבער נישט געהאט קיין 'זפת', ס'האט נישט קיין 'סמאלע' צו פירן דער וואגן, גייט ער אריין צום סוחר; "הער זיך איין, איך קען נישט אוועקפירן די סחורה, איך האב נישט קיין זפת"! האט ער אים געגעבן אביסל זפת - נאדיר, גיי שמיר אָן די רעדער און פאָר אהיים!

אן אנדערער זעהט אים, פרעגט ער איהם; "פון וואנעט האסטו גענומען דעם זפת"? "איינער האט מיר געגיבן" - זאגט ער. גייט ער אריין צו אים, זאגט דער סוחר; "איך בין א סוחר פון זפת"?! "ער האט געקויפט ביי מיר אזויפיל סחורה, ער קען נישט אוועקפארן מיט'ן וואגן, מוז איך איהם געבן אביסל זפת, אז ער זאל קענען פירן די סחורה, אבער דו קומסט אריין צו מיר (נאר צוליב דעם)"?!

אזוי איז געווען ביים רבי'ן, ער קומט צום רבי'ן וועגן פרנסה, "איך בין א סוחר פון פרנסה"?! "ער רעדט צו מיר פונעם תכלית, ער גייט מיט מיינע עצות, און ער פאלגט מיר, מוז איך אים געבן אביסל פרנסה, ער זאל קענען גיין, ער זאל קענען דינען דעם אויבערשטן, איך מוז איהם עפעס צוגעבן אויך, די פירל זאל קענען פארן"! - - - (עי' שיש"ק ה' מ"ח).

דאס איז געווען ביים רבי'ן! ביים רבי'ן איז דער עיקר נאר געווען דער תכלית, רעדן נאר פון די עצות פונעם תכלית, דאס איז דער עיקר געווען ביים רבי'ן! איי, מען דארף עפעס האבן ס'זאל פארן די רעדער?! געבעט מען עפעס ס'זאל קענען פארן די רעדער, די רעדער זאלן קענען גיין.

און אזוי איז דאס איצטער אויך דאס אייניגע, מיר דארפן זיך באנייען - - -

*

# הילולת הצדיק

היינט איז די הילולא פון ר' נתן'ען, ס'איז שוין הונדערט פינעף און דרייסיג יאר פון ווען ר' נתן איז נפטר געווארן, ס'איז טאקע דא א 'קול' - "הַקֹּל" איז 'הונדערט פינעף און דרייסיג', דער 'קול' הערט זיך נאך איצטער אויך, ס'הערט זיך נאך דער קול פון ר' נתן'ען און זיינע הייליגע ספרים! איז דער עיקר נחת רוח - "שפתותיו דובבות בקבר" (עי' גמ' יבמות דף צ"א ע"א) - איז נאר אז מיר זאלן אנהויבן באנייען זיך - זיך באנייען אנהויבן זאגן זיינע 'תפילות', אנהויבן לערנען זיינע 'לקוטי הלכות', אנהויבן ליינען די 'מכתבים', דאס איז דער עיקר נחת רוח! און דאס האט ר' נתן געזאגט בחייו - אז ער האט שוין אסאך מענטשן אין גן עדן דורך זיינע תפילות! (עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, דיבורים ממוהרנ"ת ז"ל אות כ"ה).

קומט דאך אויס, אז ר' נתן וויל אונז אזוי זיין געטריי, און מאכן אונז פאר 'אנשים כשרים', מאכן אונז פאר 'אנשים יראים וכשרים' - נאר דורך זיינע ספרים! דאס איז דער עיקר נחת רוח פונעם צדיק, דאס האט ער געוואלט בחייו!

ברוך השם, ס'איז שוין געווארן אסאך טויזענטער מקורבים, לאחר הסתלקות פון ר' נתן'ען, טאקע דורך ר' נתן'ס ספרים, איז מה-דאך אז אנדערע ווערן נתעורר פון די ספרים, ס'הערט זיך אין די וועלט און מ'ווערט נתעורר, דארפן מיר דאך אוודאי האבן א התחדשות דעם טאג!

דאס איז א געוואלד, אין א טאג פון א הילולא פון א צדיק דארף מען נעמען אויף זיך און מאכן עפעס א סדר אין זיינע הייליגע ספרים - מערער לערנען, און דער עיקר זאל מען עוסק זיין אין תפלה מערער! דאס איז דער עיקר, דאס איז דער עיקר זיין זאך.

*

# 'גלייך' צום רבי'ן...

אז ר' נתן איז נסתלק געווארן פרייטיג פארנאכט'ס, מ'האט נאך געקענט מאכן דעם לויה, אבער שווער, נאר ער איז געבליבן אויף שבת. דעם פרייטיג צונאכט'ס - - רבי נפתלי האט געוואוינט אין אומאן, האט ר' נפתלי געהאט א חלום, ער האט געזעהן ווי ר' נתן לויפט, האט ער איהם געזאגט "וואו לויפסטו"? זאגט ער (ר' נתן): 'איך' - גלייך צום רבי'ן! (עי' שיש"ק ב' תרנ"ה).

פלעגט רעדן ר' אברהם ר' נחמנ'ס - די גרויסקייט פון ר' נתנ'ען, אז נאך איידער ער איז געקומען לקבורה איז ער שוין געווען ביים רבי'ן! די קבורה איז דאך געווען מוצאי שבת, און נאך איידער ער איז געקומען לקבורה איז ער שוין געווען ביים רבי'ן!

רבי נתן האט געזאגט; "איך, גלייך צום רבין"! וואס איז די לשון "גלייך צום רבי'ן"?! פלעגן אונזערע לייט זאגן; ר' נתן איז געווען - ביים לעבן איז ער געווען - "גלייך צום רבי'ן"! ווי קען מען קומען נאכן הסתלקות גלייך צום רבי'ן?! - -

אז ר' עוזר (תלמיד מוהרנ"ת) איז געווען אזא מין צדיק, ער איז אוועק אין פעלד מוצאי שבת, און געקומען פרייטיג פארנאכט אהיים, און ער איז געווען א גאנצע וואך אין די פעלדער און אין די וועלדער, ער איז א געוואלדיגע מענטש געווען. ווען ר' עוזר איז נסתלק געווארן האט א זאג געגעבן ר' נחמן טולטשינער צו ר' נתנ'ען; "ר' נתן, ר' עוזר קער שוין זיין ביים רבי'ן"! האט רבי נתן געזאגט; "אזוי גיך איז מען פון דעם עולם ביים רבי'ן?!" אויף ר' עוזר'ן - אזא מין צדיק - האט ר' נתן געזאגט; "אזוי גיך איז מען פון דעם עולם ביים רבי'ן"?! - -

און ר' נתן איז געווען נאך קודם די קבורה - איז ער שוין געווען ביים רבי'ן! גלייך צום רבי'ן! פון וואנעט האט זיך גענומען דאס?! נאר אזוי ווי דער מענטש - 'לפי מה דמתדבק' - א לשון פון זוהר הקדוש (עי' בראשית דף ק' ע"א, עי' חיי מוהר"ן אות ק"א); '**כפום מה דאתדבק בר נש בהאי עלמא**' - אזוי איז ער '**בעלמא דאתי**', לויט ווי דער מענטש איז זיך מתדבק אין דער וועלט - אזוי איז ער דארט אויבן!

רבי נתן איז כל ימי חייו געווען "גלייך צום רבי'ן", "גלייך צום רבי'ן", ער האט אינגאנצן זיין מח אוועק געלייגט! וואס הייסט גלייך צום רבי'ן?! "איך וויים גאר נישט" נאר וואס דער רבי! אפילו אין זיין לערנען ער איז געווען א גאון בנגלה, א גאון געווען אין נגלה אויך, אבער ס'איז אלץ געווען אויפן דרך פונעם רבי'ן, איז דאס א אנדערע תורה אויך! ס'שטייט אין זוהר הקדוש אז דער תורה וואס מ'לערנט לשמה איז אזא מין סארט תורה וואס עס גייט אזוי הויך, און דער אויבערשטער איז זיך משתעשע מיט די תורה, ס'איז דא כמה מלאכים וואס זיי ברענגען די תורה פאר השי"ת, און דער אויבערשטער האלט זיי ביי זיך!

און דער לערנען איז אויך א אנדערע לערנען, ר' נתן איז טאקע געווען א גאון פריער אויך, מ'זעהט דאך אז אין די טאג פון זיין הסתלקות האט ער געבעטן 'כל טוב' (תנ"ך, עי' במכתב הסתלקות), זעהן מען דאך אז אין דעם טאג האט ער אויך אסאך געלערנט, נאר וואס דען - דאס איז א אנדערע לערנען, וויבאלד ער האט פארזוכט דעם צדיק, און ער האט פארזוכט זיין אמת - - דער רבי האט א זאג געגעבן; "**איך האב אסאך אמת אין אייך אריינגעבראכט**"! (עי' גם חיי מוהר"ן עבודת השם אות תקל"ח) - - איז דאס א אנדערע לערנען!

דאס הייסט "גלייך", וויבאלד ער איז געווען בחייו "גלייך צום רבי'ן", ער האט נישט געהאט קיין שום אנדערע זאך - - דאס הייסט 'תמימות', 'אויסגעהוילט זיין מח', אזוי האט ר' נתן געזאגט; "**איך האב אויסגעהוילט מיין מח אינגאנצן, געהערט אווארט פונעם רבי'ן - דאס איז מיין מח, נאך א**

ווארט - **האב איך נאך אביסל מח"!** (עי' שיש"ק א' תרל"ד). אז א מענטש איז אזוי "גליך ביים רבי'ן" בחיים חיותו - איז ער לאחר הסתלקותו אויך "גליך צום רבי'ן"! דאס איז א געוואלדיגע גרויסקייט.

*

ר' נפתלי, אז ער איז געוואר געווארן נאך שבת אז ר' נתן איז נסתלק געווארן, האט ער אזוי געזאגט; "איך האב נאך ראש השנה געזעהן אויף זיין טאנצן אז דאס געזעגנט ער זיך מיט אונז"! ר' נפתלי האט געזעהן ווי ר' נתן האט געטאנצט דעם ראש השנה; "איך האב נאך ראש השנה געזעהן אויף זיין טאנץ אז דאס געזעגנט ער זיך פון אונז"! (עי' שיש"ק ב' תרנ"ו).

*

## גאר מיין זאך איז ראש השנה...

ר' נתן פלעגט זאגן א 'הלכה' אום ראש השנה, בין יום ללילה - דעם ערשטן טאג צום אנדערן טאג. דער רבי האט אויך אזוי געזאגט די תורה (עי' חיי מוהר"ן אות מקום לידתו וישיבתו אות כ"ג [אות קכ"ו]). דעם לעצטן ראש השנה איז ר' נתן נישט אראפ געגאנגען זאגן קיין 'הלכה', און אונזערע לייט האבן זייער משתוקק געווען, די הלכה זיינע איז געווען געוואלדיג, ממש ס'איז געווען אש להבה, ס'האט געברענט א פייער ביי זיין זאגן דעם 'הלכה' - און ער גייט נישט אראפ זאגן דעם הלכה! איז ארויפגעגאנגען ר' אפרים ב"ר נפתלי צו ר' נתן'ען, און געזאגט; "רבי נתן, דער עולם איז דאך אזוי משתוקק הערן פון אייך"?! האט ער געזאגט א תירוץ דארטן פארוואס ער קען נישט אראפגיין.

ר' אפרים האט אבער פארשטאנען אז ס'איז נאר א תירוץ, ר' נתן האט טאקע דעם ראש השנה קיין הלכה נישט געזאגט. האט ער אזוי געזאגט; "איך האב א קוק געגעבן האב איך געזעהן אז מענטשן קומען אויף ראש השנה ווייל זיי ווילן הערן די הלכה מיינע - דערפאר קומען זיי אויף ראש השנה, איך בין דאך נאר א מענטש, אפשר וועט ער איבער א יאר שוין נישט זיין - אזוי האט ער געזאגט ממש א נבואה - וועט אויסקומען אז די מענטשן וועלן וויסן אז ר' נתן איז שוין נישט דא, דארף מען נישט קומען אויף ראש השנה, מ'וועט שוין נישט הערן אן הלכה, אבער אז דער רבי האט געזאגט **"מיין זאך איז ראש השנה"** (חיי מוהר"ן נסיעתו וישיבתו באומין אות ל"ו [אות ר"כ]) - - איז נישט מקושר מיט א 'הלכה' זאגן! דער רבי האט דאך געזאגט **"יא דאוועגען נישט דאווענען"** (חיי מוהר"ן גודל יקרת ראש השנה שלו אות ב' [אות ת"ד]) - האב איך געוואלט ווייזן אז דער ראש השנה איז נישט תלוי אין מיין הלכה"! (עי' שיש"ק ב' תר"ח).

וואס ליגט אין די זאך?! עס איז פארהאנען אמאל א זאך אין די ענין פון התקרבות צום צדיק - - די התקרבות צום צדיק אליין איז אזוי גרויס, די עצם זאך, חוץ דאס וואס דער אויבערשטער העלפט עס ווערט גוטע זאכן אויך, איז די עצם התקרבות אליין צום צדיק - - דאס וואס מען ווערט אנגערופן אויף זיין נאמען, און דאס אז די צדיק האט ביי איהם א חשיבות, און דאס אז ס'האט ביי איהם א חשיבות אז ס'זאל נתקדש ווערן זיין נאמען דורך איהם - - דאס איז א געוואלדיגע זאך! (עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ט). ממילא ווערט שוין דערפון, אזוי ווי א כלל ווערט דערנאך דערפון גוטע פרטים!

*

# להתחדש בקיום העצות

ברוך השם מיר האבן אלעס, איין זאך פעלט אונז, אונז פעלט 'התחדשות' - דעם רבי'ן זאך זאל ווערן ביי אונז ניי - יעדע עצה פונעם רבי'ן! נישט פארגעסן אז דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן תו' קמ"ט); אז ס'איז דא א עצה פון 'חצות', און חצות איז תמיד זעקס שעה פון צאת הכוכבים, סיי זומער סיי ווינטער, מ'זאל מען נישט מאכן קיין דריי דערינען! מ'זאל אסאך בעטן דעם אויבערשטן, מען זאל משתוקק זיין ארויסכאפן דעם 'עת רצון'.

עס איז דא א שמועס, אז די פיר און צוואנציג שעה וואס ס'איז דא אין טאג, איז קעגען די כ"ד בתי דינים (עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רט"ו), יעדער שעה וואס איז דא - איז דא א מין התגברות פון דינים, האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט אויפ'ן כלל ישראל, און האט זיי געגעבן צוויי שעה וואס דאס איז א 'עת רצון'! דער רבי זאגט טאקע (ליקוטי מוהר"ן תו' קמ"ט); "חצות מסוגל כמו פדיון" - זאגט דער רבי, 'חצות איז אזוי ווי א פדיון'! יעדן טאג דארפן מיר מאכן א פדיון, דער פדיון איז ממתיק דעם גאנצן טאג, כ"ד בתי דינים, אז מיר מאכן א פדיון די צוויי שעה, איז דאס א המתקה - איז דאס א פדיון אז די גאנצע טאג ווערט 'נמתק'! (עפ"י ליקוטי הלכות ברכת השחר ה"ה אות ד').

די עצה דארף זיין ביי אונז ניי, בעטן דעם אויבערשטן! מיר האבן נישט קיין "אלטער רבי", א "אינגער רבי" - - 'דאס' איז דער רבי אונזערע, דער רבי וואס איז געווען צוריק מיט כך וכך יאר - 'דאס' איז אונזער רבי! און וואס ער זאגט - איז איצטער אויך געזאגט!!!

*

דער רבי זאגט - ס'איז א תורה און די אנדערע חלק, תורה י'[ב]; "דאס וואס דער וועלט איז ווייט פון השי"ת, איז רק ווייל זיי זענען זיך נישט מיישב! נאר דערפאר איז מען ווייט, ווייל מען איז נישט מיישב"! מיישב זיין - רעדן צום אויבערשטן דיבורים - דאס דארף אויך ווערן ביי אונז ניי די זאך!

מיר האבן נישט - נאר די אלע עצות! דער רבי האט געזאגט; "פון מיר ביז משיח, וועט נישט זיין קיין שום חילוק, קיין נייעס וועט נישט זיין, נאר איהם וועט מען פאלגן, מיר וויל מען נישט פאלגן"! (עי' גם חיי מוהר"ן אות רס"ו). 'משיח' אז ער וועט זאגן אז א איד דארף האבן 'התבודדות' - וועט מען אים פאלגן, אז ער וועט זאגן אז די עיקר עבודה פון א איד איז 'חצות', 'ווינטער חצות'! (עי' שיחות הר"ן אות ש"א) - אז ער וועט זאגן די ווערטער - וועט מען אים פאלגן! - - און מיר וויל מען נישט פאלגן!

מילא אן אנדערער וויל נישט פאלגן דעם רבי'ן - - ממילא דער רבי איז אין א העלמה, "וזה בחינת ההעלמה" (עפ"י לשון לקוטי מוהר"ן תניינא תו' ס"ז), אבער ביי אונז דארף דער רבי נישט זיין נעלם! וואס

---

[ב] וז"ל שם (ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' י'); מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן. וְהָעִקָּר לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'.

הייסט דער רבי איז נישט נעלם? דאס איז א רבי וואס ער מיינט נישט נאר; ווערן גערופן אויף זיין נאמען 'בשם המושאל' - - דער רבי וויל אז מ'זאל גיין מיט זיינע עצות, מ'זאל לערנען זיינע הייליגע ספרים, מ'זאל זאגן די תפילות, מ'זאל מקיים זיין די עצות, דאס איז "שפתותיו דובבות בקבר"!

דאס הייסט, דעם רבי'ן'ס זאך איז א 'נצחי', און דאס איז די בחינה וואס מיר האבן פריער גערעדט פון 'פי שנים'!

איצטער - ברוך השם - זעהט מען ארוים 'פי שנים' ביי די ספרים, די ספרים וואס ס'איז נתחבר געווארן - - עס איז נישט קיינמאל געווען אזוי, עס ווערט אלעמאל נייע מקורבים, דאס איז אויך א בחינה פון 'פי שנים', פארוואס? ווייל דער כח פונעם רבי'ן גייט אלעמאל גרעסער! דער כח פונעם רבי'ן וואס ס'איז געווען בחייו, און בחיי ר' נתן, בחיי ר' נחמן טולטשינער, בחיי ר' אברהם ר' נחמן'ס, גייט אלעמאל גרעסער און גרעסער! דאס א בחינה פון 'פי שנים ברוחך אלי', דאס איז א געוואלדיגע התחזקות פאר אונז!

*

# אייער עובדא זאל זיין איר זאלט דרוקן די ספרים...

מיר ווילן רעדן עפעס א ווארט, מיר האבן א אינגערמאן ער הייסט ר' אריה וויינשטאק (שיחי' לאויוש"ט, מייסד ומנהל קרן הדפסה דחסידי ברסלב), ס'איז א דבר ידוע, דער מענטש האט היינט צוטאגס געדרוקט ספרים - פאר איבער א מיליאן פונט האט ער געדרוקט ספרים, און די ספרים דארף זיך פארקויפן, דערווייל איז ער א גרויסער בעל חוב. ר' נתן האט צוואה געלאזט; "אז דאס זאל זיין אייער זאך - 'עזרה הסופר' גייט אוועק - - ער האט זיך אנגערופן 'עזרה הסופר' (עי' פרפראות לחכמה על תו' ס"א, וכוכבי אור שיחות וסיפורים ג' אות מ"ד) - - אז 'עזרה הסופר' גייט אוועק, און טרייף פסול איז זיך מתגבר אזויפיל - נאר 'איין בלעטל' פונעם רבי'נס ספר וועט זיין א תיקון אויף דעם אלעם, זאג איך אייך אייער זאך זאל זיין - איר זאלט דרוקען די ספרים, עס זאל זיין 'יפוצו מעינותיך חוצה', איר זאלט זיין שטארק מיט געלט און מיט רצון און מיט טרחה"! (עי' סוף ספר עלים לתרופה במכתב ההסתלקות). האבן מיר געדארפט אליין יעדער איינער האבן די עבודה פון דרוקען ספרים, קענען מיר דאך נישט, אז ס'איז דא א אינגערמאן וואס ער האט זיך ממש מוסר נפש געווען, ער איז זיך מוסר נפש און ער געבט זיך אוועק, ער האט נישט אינזינען זיין פרנסה, און ער איז אזא מין בעל חוב - מ'קען פארשטיין?! אריבער א מיליאן פונט האט ער היינט צוטאגס אפגעדרוקט פונעם רבי'נס ספרים! בעהט ער זיך מען זאל איהם קומען העלפן, מ'זאל זיך משתתף זיין - - -

איך וועל אייך פארציילען א מעשה פון רבי מאטעלע, רבי מאטעלע איז געווען אמאל - אין די צייטן פון רבי נתן - איז רבי מאטעלע טשערנאבל'ער געווען אין ברסלב, דארטן איז געווען זיין מגידות. ר' מאטעלע פלעגט צו פארן אין א שטאט אריין, פלעגט ער נישט צופארן צום אכסניה, נאר ער פלעגט זיך אוועק שטעלן אינמיטן די גאס, פלעגן קומען גבירים און איהם בעטן אז ער זאל קומען אין שטוב אריין, מען האט איהם באצאלט געלט.

ער איז געקומען קיין ברסלב, ער האט זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן די גאס, און ער שטייט, איז געקומען א עולם מענטשן, האט ר' מאטעלע געזאגט אזוי; "די גמרא זאגט 'הנעלבין ואינן עולבין שומעין חרפתן ואינן משיבין, עליהן הכתוב אומר ואוהביו כצאת השמש בגבורתו' (יומא דף כ"ג ע"א), וואס זאל איך טאן אז מיך פארשעמט קיינער ניט?! קיינער איז מיך נישט מבזה, ווי קען איך זיין פון די 'אוהביו' - ווי איך קום האב איך כבוד"?! אזוי רעדט ער ארום מיטן עולם. רופט ער זיך אן; "איך דארף זיך איינקויפן אין דעם מענטשן וואס אים איז מען יא מבזה! דא איז דא איינער 'רבי נתן' - האט ער געזאגט - וואס איהם איז מען יא מבזה, און ער שווייגט, ער איז דאך פון די 'אוהביו' - וויל איך זיך איינקויפן אין דעם אידן"! - האט ער געזאגט - וואס קען איך זיך איינקויפן?! האט ער געשיקט ר' שלמה ראובן זלאטע'ס; "גיי ברענג מיר זיינעם א ספר"! האט ער איהם געבראכט א 'ליקוטי תפילות'! האט ער איהם געצאלט א רובל - - פאר א רובל האט מען געקענט האבן צוואנציג ליקוטי תפלות - האט ער געזאגט; "דאס קויף איך זיך איין דעם אידן וואס איהם איז מען מבזה"! אזוי האט רבי מאטעלע געזאגט! (עי' שיש"ק ג' ר"ז).

- - באמת וואלטן מיר אלע געדארפט עוסק זיין אין הדפסה, קען מען דען יעדער איינער דרוקן?! אבער אז ס'איז דא א אינגערמאן וואס ער איז זיך יא מוסר נפש, ער דרוקט, דארף מען זעהן דעם אינגערמאן צוהעלפן! דא וועלן צוויי אינגעלייט ארומגיין דא, מאכן געלט איצטער, זאל יעדער איינער געבן יותר מכוחו, מען זאל מסייע זיין דעם אינגערמאן אז ער זאל זיך קענען האלטן אין דעם זאך, און באמת איז דאס מוטל אויף יעדעם איינעם - - דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, די זכות פונעם הייליגן רבי נתן זאל מגין זיין אויף אלע אידן באריכת ימים ושנים, אמן.

* * *